NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02681

# VUNDERLAND

Dovid Pliskin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דאָוויד פליסקין — וונדערלאַנד

פּאַריז — 1938

# AU PAYS DES MERVEILLES

(Vers et Contes)

par **DAVID PLISKIN**

הילע געצייכנט פון גלעב.

Imp. « **Polygraphia** » 35, Bd de Strasbourg Paris X^e

דאוויד פּליסקין

# װוּנדערלאנד

## לידער און מייסעלעך

אַרויסגעגעבן דורך די צוגאָב־שולן ביי דער געז.
„פריינט פון אַרבעטער־קינד", פּאַריז.

# דער לאָמפּן - צינדער

ווען עס קומט דער לאָמפּן-צינדער
צינדט אין גאַס אָן די לאַמטערן,
לויפן נאָך אים אַלע קינדער
און זיי שרייען: לאָמפּן-צינדער,
האָסט פאַרגעסן וואָס צו טאָן.
ווען מען צינדט די לאָמפּן אָן
צינדט מען אָן פאַריינס די שטערן.

מיט אַ שמייכל צו די קינדער
בלייבט דער לאָמפּן-צינדער שטיין
און ער רעדט צו אַלע קינדער:
איך בין דאָך אַ לאָמפּן-צינדער
איך וואָלט גערן, זייער גערן
אָנגעצונדן אַלע שטערן,
נאָר מיין שטעקן איז צו קליין.

# דער קוימען-קערער

מיט אַ שטריק, אַ קויל אַ שווערער,
בערשטלעך שטעכיקע ווי סכאָך,
קומט אין הויף דער קוימענקערער
און ער קריכט אויף יעדן דאַך.

פונדערווייטנס איך דערקאָן אים,
ווען ער קומט אין הויף צוגיין,
פון זיין איינגעריסטן פּאָנים
זעט מען נאָר די ווייסע ציין.

נאָר די ציינער און די אויגן,
זיינע ווייסלען — ווייס ווי שניי.
זיינע אויגן, ווי צעפלויגן
לאַכן פּונקט ווי קינדער צוויי.

קערט ער אויס אַ יעדן קוימען
שעפּט אויס סאַזשעס אַזויפיל
אין די שטיבן, אין די היימען
פאַלן סאַזשעס אויפן דיל.

און זיין לייטער איז אַ גרינגער,
גיט ער זיך פון דאַך אַ לאָז,
קומט אין הויף מיט זיינע פינגער
מאַכט ער מיר אַ שוואַרצן נאָז.

לאַכט ער און איך הייב אָן ניסן,
לאַכט ער זיך פאַנאַנדער מערער.
אַזוי, קינדער, זאָלט איר וויסן
טוען אַלע קוימענקערער.

# בול, בול, בול

בול, בול, בול, נעם אַ גלאָז,
זייף און וואסער מיט אַ שטרוי,
טונק עס איין און גיב אַ בלאָז,
פליען קוילן אַלערליי.

פליען באַלן, ווי פון גלאָז,
אין דער לופט צעפלויגן,
און אין יעדן זייפנבלאָז
זע איך ווי אַ רעגנבויגן.

פליען קוילן גרויס און קליין,
וויגן זיך און ציען;
און איך זע אויך זיך אַליין
אויף די באַלן פליען.

# אַ שפּיל אַזאַ

שאַ, שאַ, שאַ, שאַ —
קינדער, ס'איז אַ שפּיל אַזאַ.
זעצט זיך, קינדער, רונד ארום,
ווי די בלעטער אין אַ בלום.

— פּערל מיט די בלויע אויגן,
זעץ זיך אין דער מיט אַריין;
מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
ווי אַ טויב, וואָס דרעמלט איין.

און מיר וועלן דאָ אין צווייען
בלייבן זיצן אויף די קני,
בערל, שמערל וועלן קרייען,
ווי די הענער אינדערפרי.

— שמולעק, דו וועסט נעמען בילן,
ווי אַ הינטל אויפן ראָג!
— צירל, דו וועסט נעמען טרילן,
ווי אַ פויגל אין פאַרטאָג!

— און דו ראַשעל, דו וועסט שוועבן
און סאַקאַטשען ווי אַ הון!
עלען, דו וועסט שטראַלן וועבן,
ווי אין מאָרגנפרי — די זון!

אַט אַזוי־אַ — אינדערשטילן
זעצט זיך אין אַ ראָד אַ רונדס,
לאָמיר, קינדער, אַלע פילן,
ווי דער מאָרגן קומט מיט אונז.

## שוועסטערלעד

מיט מיין שוועסטערל אָנעט
זיצן מיר אינצווייען;
ליגן סוועטערס אויפן בעט,
גאַנצע פעק צו נייען.

און דער טאַטע איז אַוועק
אַרבעט אָפּצוטראָגן,
וועט ער ברענגען גאַנצע פעק
אַרבעט אויף אַ וואָגן.

לויף איך צום מאַשין אויפגיך,
לערן זיך צו נייען.
שרייט די מאַמע פון דער קיך:
וועסט די הענט זיך איינדרייען!

הער איך, ווי די מאַמע רעדט:
פאַניע, קום צו מיר,
נעם דיין שוועסטערל אָנעט,
לייען מאַיסעלעך פאַר איר.

נעם איך באַלד מיין לאַפּאַנטעז,
לייען גרויסע אויסיעס.
וויל נישט אָנעט, נאָר וואָס דען? —
זי וויל הערן מאָטל פייסעס.

לעז איך מאָטל מיטן קעלבל,
שוועס צייט אין זונענשיין,
און מיין שוועסטער, ווי אַ שוועלבל,
זיצט און הערט זיך איין.

# באָבע ביילע

איז צו אונז די באָבע ביילע,
היינט צוגאַסט געקומען
מיט אַ וואָלענער פאַטשיילע,
און אַ ציפּיקל מיט בלומען,

מיט אַ בעקן אָנגעלאָדן
האַלט די דאַרע הענט צוזאַמען,
נעמט אַרויס אַ גרויסן פלאָדן,
גיט עס איבער באַלד דער מאַמען.

נאַ, מיין טאָכטער, פריש פֿון אויוון
מירביק, זיס, ווי צוקער קאַנדל.
מילך, און פּוטער, טייג און הייוון,
אָנגעפּילט מיט פרישע מאַנדל.

לויף איך צו דער באָבן גערן,
פרעגט זי אויף מיין שוועסטער פּאַניע.
זאָג, מיין זון, איך וויל דאָך הערן
אויב דו קענסט כאָטש מודע אַני.

פרעגט זיך אויפן טאַטן איבער
שמייכלט צו מיר דורך די ברילן,
צו באַר מיצווע, זון מיין ליבער,
ברענג איך מיט דיר אַ פּאָר טפילן.

זאָג איך: „באָבע, נישט קיין טפילן,
נאָר אַ פוטבאָל ברענג אַ גרויסן,
איך וועל בעסער פוטבאָל שפּילן
מיט די קינדער פריי אין דרויסן“.

## דעם זיידנס ניגן

ס'איז דער טאַטע איינגעשלאָפן
און די מאַמע רוימט אין קיך.
נאָרביים גרויסן סייפער, אָפן —
ברומט דער זיידע שטיל, פאַר זיך.

ברומט דער זיידע אַזאַ ניגן,
רעדט און טאַינעט מיט די הענט,
ווי דער זיידע וואָלט זיך קריגן
מיט די שאָטנס פון די ווענט.

און די שאָטנס פליען, פאַלן,
קריכן, אויף די ווענט זיך שפּילן ;
און פון לאָמפּ עס פאַלן שטראַלן,
טאַנצן אין דעם זיידנס ברילן.

ברומט דער זיידע מיט אַ טאַינע
און איך קען אים ניט פאַרשטיין ;
ניט איך וויים די טאַינע זיינע,
ווייל ער רעדט צו זיך אַליין.

לויף איך צו, עס זעט ניט קיינער,
כאַפּ זיין פּאָלע, גיב אַ צי.
שרייט ער אוים: דו, לאָבוז קליינער
און ער נעמט מיך אויף די קני.

און ער קושט מיר אין די וויעס,
גיט אין בעקל מיר אַ קניפּ ;
און ער פרעגט מיך: זאָג, מיין כיעס,
ווייסטו, אַז איך האָב דיך ליב ?

און ער גלעט מיר ליב דעם פּנים,
קוקט מיט אויגן, גוט און פרום ;
און איך ווייס ניט, וואָס צו טאָן אים,
נעם דעם זיידנס האַלז אַרום.

פיל איך דאָך זיין הייסן אָטעם,
קיצלט מיך זיין לאַנגע באָרד.
און איך פיל מיט אַלע פּראָטים
יעדן טאָן פון זיידנס וואָרט.

נעם דעם זיידנס באָרד און גלעט איר
און איך הער זיך איין זיין ניגן ;
קוק אין סייפער, אויף די בלעטער
פליען ווערטער שוואַרץ, ווי פליגן.

פלעקן אין דער לופט זיך שוואַרצן,
קוים איך האַלט די אויגן אָפן.
אויפן שוים, ביים זיידנס האַרצן
בין איך רואיק איינגעשלאָפן.

# מייזעלעך

הערט נאָר קינדער אַלע אויס,
וואָס איך האָב געהערט:
אויף אַ פידל האָט אַ מויז
אויסגעשפּילט קאָנצערט.

און אַ קעצל ביים קלאַוויר,
האָט דער מויז באַגלייט;
און עס האָבן מייזלעך פיר
אַזש געטאַנצט פאַר פרייד,

עס האָבן אַלע מייזלעך פיר
אויך געטאַנצט באַלעט
פלוצלונג עפנט זיך אַ טיר
און אַ הונט מיט אַ קאַשקעט.

אָנגעטאָן אינגאַנצן גאָלד,
שטעלט זיך גלייך אַוועק.
זאָגט דער הונט: איך בין קיין וואָלף,
האָט פאַר מיר קיין שרעק.

הייבט דאָס מייזל אָן צו שפּילן
און די קאַץ באַגלייט;
און דאָס הינטל הייבט אָן בילן
און פאַרגייט זיך ווי אַ פלייט.

— ווייסט איר, ווי עס איז געוועזן?
ס'איז נישט אויסגעטראַכט —
כ'האָב עס דאָך אַליין געזען
אין אַ כאָלעם יענע נאַכט.

# די מויז און דער פוטער-קוכן

אין די בעטן אלע שלאָפן,
דורך די פענצטער קוקט די נאַכט.
איז אַ מויז ארויסגעלאָפן,
פון אַ שפּאַרע אויפגעמאַכט.

לויפט די מויז און לויפט אין קיך,
אינעם שענקל שטייט אַ בעקן.
לויפט דאָס מייזל שטיל און גיך,
אז די קאַץ זאָל זיך ניט וועקן.

לויפט צום טישל און צום בענקל,
מיט די וואָנצעס הויבט אָן שמעקן,
און פון בענקל גלייך אין שענקל,
און אַ שפּרונג אריין אין בעקן.

הויבט אָן לעקן, הויבט אָן שמעקן,
שאַרט די לאַפּקעס, נעמט פאַרזוכן ;
הויבט אָן לעקן — ערשט אין בעקן
ליגט אַפרישער פוטער-קוכן.

די לעוואָנע קוקט, אַ שטילע,
שיינט אריין אין אַלע שויבן ;
און די מויז צו דער אכילע,
האָט דעם קוכן אָנגעהויבן.

האָבן דאָס די מייז דערשנאַפּט,
לויפן מייזלעך אַן אַ שיר.
האָט די קאַץ זיך אויפגעכאַפּט
און — אַ שפּרונג אויף אַלע פיר.

יענען מייזלעך דאָ און דאָרט
אין די לעכער באַלד צעלאָפן;
און די קאַץ איז אויף איר אָרט
ווידער רויק איינגעשלאָפן.

# איציק שפּיציק

איציק-שפּיציק, נאָדל-קאָפּ,
נעם דיר לײם און מאַך אַ טאָפּ,
מאַך אַ שטערצל מיט אַ שפּיץ
און פאַרקאָך אַ האָבער גריץ.

זאָגט דאָך איציק: גיט מיר לײם,
װעט איר זעען, װאָס איך מאַך,
איך שטעל אויף אַ קינדער-הײם,
מיט אַ קוימען אויפן דאַך.

נעם דעם לײם און מאַך אים לויז,
נעץ מיט װאַסער, מאַך אים נאַס, —
בוי איך אוים אַ גרויסע הויז
מיט די פענסטער צו דער גאַס.

מאַך איך ציגל, שטעל פאַנאַנדער,
קלײב די שויבן באַלד צונויף.
לאַכן קינדער זיך פאַנאַנדער,
אַז עס הילכט דער גאַנצער הויף.

# ציגן אויף פאריזער גאסן

פי, פי, פי. פי, פי, פי, —
פייפט א פייפל אינדערפרי
פי, פי, פי, טרו, רו, רו, —
כ׳קוק זיך דורכן פענסטער צו.

זע איך אויפן גאס עס ליגן
אויסגעלייגט אַ סטאַדע ציגן,
מיט די הערנער אויסגעבויגן,
קוקן, בעטן מיט די אויגן.

שוואַרצע, ווייסע, געלע, ברוינע,
ציגן, מאַגערע אַזוינע.
שטיקער ברויט אין שענקל ליגן,
נעם איך, וואַרף עס צו די ציגן.

און אַ פויער גלייך פאַרטאָגן,
פייפט זיין פייפל אויף די ראָגן.
קומט דאָ אַלע דריי מעסלעס,
קויפט די מאַמע קאָזע קעז.

נאָר דאָס הינטל האָט אַ האָזע,
בילט און שפרינגט צו יעדער קאָזע,
בילט און פאַרשקעט מיטן נאָז,
פיינט זיך פאַרן באַלעבאָס.

לויפט ער מיט זיין הינטיש בליק.
גלעט דער פויער אים און גלעט.
זאָגט דער טאַטע: אין פאַבריק
איז אזוי אַ „קאָנטראָמעט״.*)

*) ארבעט־אויפזעער.

# ערשטער מאַי

די פאַבריקן און ווערקשטאַטן
זענען אַלע היינט פאַרמאַכט.
איך וועל גיין היינט מיט מיין טאַטן
אין פראָצעסיע ביז ביינאַכט.

ס'איז דער ערשטער מאַי, זייט וויסן
און ביי מיר איז יאָנטעוו אויך.
איך האָב ליב, ווען אַלע גריסן
מיט די פויסטן אין דער הויך.

ווען אויף גאַסן ווייט און ברייטע,
מענטשן שטראָמען ווייט און ברייט
און ווי גרויסע פייגל רויטע —
פאָנען פלאַטערן צעשפּרייט.

גרופּן טוישן זיך און בייטן,
אַלע גייען מיט געזאַנג.
פאָנען שטראַלן פון דער ווייטן,
ווי אַ רויטער זון-אויפגאַנג.

פון די פענצטער און באַלקאָנען
רייכע קוקן פרעך, מיט האַס;
זיי באַטראַכטן אַלע פאָנען
און דעם אוילעם אויפן גאַס.

אַלע גייען, ווי די ברידער,
אין די רייען טראָט נאָך טראָט,
מיט געזאַנגען און מיט לידער
הילכט אַרום די גאַנצע שטאָט.

# פײגעלער

פליט א פײגעלע און סווישטשעט
מיט אַ כאַוועלטע אין פּלי.
אַך, מײַן ברעקעלע, זי פּישטשעט
אין איר נעסט פון אינדערפרי.

זי האָט גאָרנישט נישט געגעסן,
איך געדענק שוין נישט פון וואַן
און איך בין אין נעסט געזעסן
און געוואַרט אַלץ אויף מײַן מאַן.

און ער איז נאָך נישט געקומען,
און עס איז שוין זונפאַרגאַנג;
עפּשער אויף די קאָרן-בלומען
זוכט ער עסן אַזוי לאַנג?

כ׳קען נישט וואַרטן ביזן מאָרגן,
איך מוז פליען ווי אַ ווינט.
פון דער ערד מוז איך באַזאָרגן
עסן פאַר מײַן פּיצל קינד.

# א פייגלשע כאַסענע

פונם קאָרן, פון די זאַנגען,
פון דיביימער, פונם גראָז,
מיט אַ טשוויטשער, מיט געזאַנגען
גיבן פייגל זיך אַ לאָז.

מיט די פליגל, ווי די פעכער,
פליען, פלאַטערן אין קרייזן.
העכער אינם בלוי, אַלץ העכער,
אַלץ מער קרייזן זיך באַווייזן.

פאָכען פליגל: זיז, זיז, זיז,
אַלע טשוויטשערן אין בלוי.
קינדער, ווייסט איר וואָס דאָס איז?
ס'איז אַ כאַסענע ביי זיי.

קינדער זעט: צו רוימען העלע
שוועבן קרייזן קליין און גרויס.
פייגל קלעזמער — אַ קאַפּעליע,
שפּילן אויפן וועג, פאָרויס.

יאָגן זיך די פייגל אַלע
מיט געזאַנגען: ציר, ציר, ציר.
אינדערמיט — די כאָסן־קאַלע —
פייגל, אונטערפירער — פיר.

ביי דער קאַלע — רויט דאָס פּאָנים,
געל די פליגל ביי דעם כאָסן.
פליען פייגל — מעכוטאָנים
אין די קרייזן איינגעשלאָסן.

אַלע יאָגן זיך און שוועבן,
פליען פייגל גאַנצע מאַסן.
פליען אין די זון-געוועבן —
אַז די זון זאָל זיי פאַרקנאַסן.

מיט אַ טשוויטשער, רונד אין רינגען
אין אַ קרייזל, אין אַ רונדס,
זאָגן פייגל: לאָמיר זינגען,
ס׳איז אַ כאַסענע ביי אונדז!

מיט די פליגל פריי צענומען,
זינגען פייגל פריילעך, מונטער.
אויף דיביימער, אויף די בלומען
לאָזן פייגל זיך אַרונטער.

פייגל זינגען, פייגל שפרינגען
און זיי מאַכן זיך אַ באַל.
קומען ווייסע שמעטערלינגען
און זיי רייטן אויף אַ שטראַל.

יאָגן בינען זיך געשווינדער,
זשומען, ברענגען האָניק-טייגל.
אָט אַזוי — אָ, ליבע קינדער,
איז אַ כאַסענע ביי פייגל.

# ווינט און רעגן

ביימער וויגן זיך און רוישן,
קומט אַ בייזער ווינט און ברומט,
פייגל יאָגן זיך און טוישן —
איינע פליט, אַ צווייטע קומט.

וואָלקנס גרויע זיך פאַרציען,
רירט אַ כמארע זיך פון אָרט,
גרויסע רעגן-טראָפּנס פליען,
און צעפאַלן דאָ און דאָרט.

אויף די פעלדער, אין די גראָזן,
וויגן, הוידן זיך די בלומען,
אויף אַ לאַנקע גרין צעבלאָזן
ווי אַן אָזשערע צעשוומען.

רוישן גראָזן גרין צעכוואַליעט,
צווייגן פאָכן מיט געשרייען,
בלעטער געלע, ווי פאַרסמאַליעט,
פליען, אין דער לופט זיך דרייען.

זענען פייגל שוין פאַרשוווּנדן,
נעמט דער רעגן גיכער שפּריצן.
ווערן רוימען רויט צעצונדן
פון די פליענדיקע בליצן.

שטילער, דורך פאַרמאַכטע שויבן
מיט די בליקן אויף די וועגן,
ווי אין נעסטן שטילע טויבן,
קוקן קינדער אויפן רעגן.

# א יויוול אין וואלד

קינדער הערט: אמאל, פארנאכט,
קומען ראבע הינטלעך אכט.
אנגעטאן אין שווארצע פרעק,
שטעלן זיך אין וואלד אוועק,
ווערט דאך טונקל, פינצטער, קאלט,
צינדט זיך אן א לאמפ אין וואלד,
גרויסע בערן, זאלבעצווייט,
שטעלן אויף א טיש געגרייט.

וויין און בראנפן, לעקעך, טארטן
פלעשער מאשקע גאנצע קווארטן,
קיכלעך, אנגעפילט מיט מאן
און א פוקס זיצט אויבנאן.
אין די פרעק די הינטלעך ראבע
בילן אויף אן אלטער באבע;
און די באבע פונדערווייטן
אויף א בעזים קומט צורייטן.

מיט א לאנגע נאז, א רונדע,
אויפן קאפ א טוך פארבונדן;
אירע גראע האר צעפלאסן
און מיט טראפנס טוי באגאסן,
הייבט אן שרייען, הייבט אן זידלען
און שטעלט אוים א ווילדע צורע.
קומען קעץ מיט זיבן פידלען
און א הונט מיט א באנדורע.

קומען וועלף, עס קומען בערן
פון די וועלדער, פונעם סטעפ,

אָנגעטון ווי שטאָלצע הערן,
מיט צילינדערס אויף די קעפּ.
און די לופט אין וואַלד איז פריש.
קומען כאַיעס פיין געקליידט,
אַלע זעצן זיך ביים טיש,
יעדער אויף זיין אָרט געגרייט.

הייבן אָן די קעץ צו שפּילן
און די הינט, זיי נעמען בילן;
און די בערן נעמען ברומען,
נאָר די וועלף, זיי אַלע שטומען.
הייבט זיך אויף דער פוקס פון אָרט,
צו באַגריסן זיינע פריינט:
פריינט, דערלויבט מיר איצט אַ וואָרט,
צו באַגריסן אייך דאָ היינט:

אויף מיר, פוקס, דער קאָוועד פאַלט
און מיין פרייד איז גרויס ביז גאָר.
איך באַגריס היינט אונזער וואַלד,
וואָס ווערט אַלט צוויייהונדערט יאָר,
שמעקט עס דאָ מיט סאָסנע־רייעך,
אונזער יוויוול, אונזער פרייד,
זייט זיך, כעווריע, מעסאַמייעך,
עסט און טרינקט געזונטערהייט.

רעדט דאָס פוקסל מיט היספּיילעס,
מאַכט פון עק אַ קנויל אַ רונדס.
אַלע שטעט און מעטראָפּאָליעס
מעגן לערנען זיך ביי אונז,
און איך זאָג עס מיט אַכראַיעס,
כ׳וויים עס אויך די גאַנצע צייט,
מער געפיל איז דאָ ביי כאַיעס,
ווי אין שטעט ביי רייכע לייט.

# א ווערבע און א שטראַל

קומט אַ שעפּסל צו אַ קוואַל,
שטעלט זיך טרינקען ביי אַ שטיין;
פרעגט אַ ווערבע ביי אַ שטראַל:
ווי קומט דאָ אַ שעפּס אליין?

זאָגט דער שטראַל: עס איז קיין ווונדער,
ס'איז אַ היץ, נישט אויסצוהאַלטן,
גייט אַ שעפּסעלע באַזונדער —
טרינקען פון אַ קוואַל, אַ קאַלטן.

פרעגט די ווערבע שטאַרק דערשטוינט:
און דער פּאַסטוך וואָס וועט זאָגן?
זאָגט דער שטראַל: דער פּאַסטוך וויינט,
אים האָט דאָך זיין האַר געשלאָגן.

זאָגט די ווערבע: שטראַל, נעם פליען
און אין הימעל זאָלסטו זאָגן —
וואָלקנס זאָלן זיך פאַרציען,
כמאַרעס זאָלן נעמען יאָגן.

זאָל אַרונטער באַלד אַ שטורעם.
עפּן אויבן אַלע קוואַלן,
זאָל עס טרעפן אין זיין טורעם.
און דער פּאַלאַץ זאָל צעפאַלן.

זאָל אַ דונער זיך צעטראָגן,
אַלע פלאַמען באַלד צעעפן —
זאָלן בליצן נעמען יאָגן,
זאָל דעם האַר אַ דונער טרעפן.

# אין א שטאַל

שוועבט אַדורך אַ מאָרגן-שטראַל,
פינטלט, שווינדלט ווי אַ פלעק;
פליט אַרום די גאַנצע שטאַל,
שטעלט זיך אויף אַ וואַנט אַוועק.

עסט אַ קרוליק זיין סאַלאַד,
אויפן שטרוי ער זיצט און קייט;
קומט אַ הון און קוקט מיט כשאַד,
קוואַקעט צו די גאַנצע צייט.

קוואַקעט זי די גאַנצע צייט
און סאַקאַטשעט אויף איר אַרט;
און דער קרוליק קייט און קייט
און ער ענטפערט נישט קיין וואָרט.

מיט זיין רויט-צעפּאָכעט קאַם
גראַבט דער האָן אין מיסט;
און אַ האָן, ער וויים מיסטאַם,
אַז אַ הון נאַר שרייט אומזיסט.

הייבט אָן באַלד דער האָן צו קרייען,
רופט די הון פון וויים צו זיך;
שטייען האָן און הון אינצווייען,
פּיקן קערנדלעך אויף גיך.

זאָגט דער האָן: מען דאַרף נישט שרייען,
מען דאַרף רעדן ווי כאַווירים,
קווטשעריען, ריטשעריען
איז אָן אייסעק פאַר כאַזיירים.

# העזעלער

זאָגט אַ העזל אין אַ נאָרע:
כעוורע, ס'איז אַ גרויסע צאָרע,
וווהין לויפט מען, ברידער?
רופט די מאַמע מיטן טאַטן,
לאָמיר אַלע זיך באַראַטן, —
יעגער קומען ווידער...

רופט זיך אָפּ אַ צווייטער העזל,
מיט אַ האָריק־קורצן נעזל,
זאָגט ער: שאַ, אָן געוואַלטן!
אין די היילן, אין די טיפע,
לאָמיר מאַכן אָן אַסיפע,
און מיר וועלן זיך באַהאַלטן.

מיט די בלעטער גיך פאַרשאַרן
און מיט צווייגן זיך פאַרשפּאַרן,
שטיל, מען זאָל נישט הערן.
ווען די יעגער וועלן קומען,
וועלן מיר אָנהייבן ברומען,
ווי אַ מאַכנע בערן.

וועלן יעגער נעמען יאָגן,
אַלע בערן צו דערשלאָגן,
און די הינט, זיין וועלן שוועבן.
אַזוי וועלן מיר פאַרנאַרן
אַלע יעגער, די באַרבאַרן,
און מיר וועלן בלייבן לעבן.

# דער פעלז ביים ברעג

שטייט אַ גרויער פעלז ביים יאַם,
איינגעשטיינערט און פאַרקלערט
ער געדענקט נאָך מינאַסטאַם
די באַשאַפונג פון דער ערד.

שטייט דער גרויער פעלז און שטומט,
קוקט צום הימל גאַנצע טעג.
ווען דער יאַם צעשטורעמט קומט,
וואַרפט די כוואַליעס צו דעם ברעג;

וויגט די שיפן, ברויזט און קראַכט,
בויגט די מאַסטן מיטן ווינט —
הערט מען, ווי דער פעלז ביינאַכט
הייבט אָן וויינען ווי אַ קינד.

הילכט א יאָמער אויפן ברעג,
ציט זיך אַזאַ שטיל געוויין
פון אַן איימע און אַ שרעק
בלייבן מענטשן פלוצלונג שטיין.

יעדער הערט זיך איין און שטוינט
וויינט אַ פעלז אין נאַכטיק בלוי.
און פאַר וואָס דער פעלז ער וויינט,
הערט אַ מייסע אָט אַזוי:

זומער, היים, אַ זון צעפלאַמט
גליט און פלאַקערט אויפן ברעג,
קינדער שפילן זיך אין זאַמד,
שפרינגען, לויפן גאַנצע טעג.

זענען קינדער דאָך פאַרטאָן,
אויפן ברעג אין זאַמד פאַרשפילט.
פלוצלונג קומט אַ כוואַליע אָן —
קינדער האָבן ניט געפילט.

קינדער האָבן פונקט געזונגען
קינדער לידער אַלערליי.
האָט אַ כוואַליע איינגעשלונגען,
איינגעשלונגען קינדער צוויי.

און פון דאַן אָן, זומער, ווינטער,
שטייט דער פעלז ביים יאַם און וואכט,
און פון דאַן אָן, ליבע קינדער,
וויינט דער פעלז אַ יעדע נאַכט.

# אויף צעברויזטע כוואַליעס

א מייסעלע

שטיל, דער יאַם איז איינגעשוויגן,
כוואַליעס, ווי די שעפּסן, ליגן,
נישט זיי ברומען, נישט זיי ברילן,
נאָר זיי מורמלען אינדערשטילן.
און זיי פּלאַפּלען אָן אַן ענדע,
אַלץ די זעלבע יאַם־לעגענדע,

נאָר די ווינטן פון פּאַרטאָגן
אַלע מייסעס זיי צעטראָגן
פון דעם יאַם, און פון די כוואַליעס,
פון די פעלזן, פון די סקאַליעס,
אין דער וועלט, אין אַלע טיילן
ווינטן מורמלען און דערציילן.

גייט אַמאָל אַ שיף אין וועג,
שניידט אין כוואַליעס צו אַ ברעג;
און די כוואַליעס אין די שטורעמס,
ווי די העכסטע, הויכע טורעמס,
שטייגן מיט די העכסטע שפּיצן,
און צעפּאַלן באַלד אויף שפּריצן.

וואַלקנס אויפן הימל יאָגן
און דער יאַם, אין שוים צעטראָגן,
שטורעמס קענען זיך נישט שטילן,
ווינטן טוען וואָס זיי ווילן,
שליידערן די שיף מיט כוואַליעס
און אַ קראַך אויף פעלזן סקאַליעס.

ברעכט דער קוימען זיך אינצווייען,
ווינט און מענטשלעכע געשרייען
גוואַלטן, קוילעס, שרעק און גרוילן,
אויסגעמישט מיט רויך און קנוילן.
שפּאַרט דער רויך אין פלאַמען צונטער
און די שיף איז באַלד אַרונטער.

אין דעם שוים, ווי זילבער שטויבן
ווייזן זיך צוויי קעפּ פון אויבן
אויף אַ ברעט, געיאָגט פון ווינט
שווימט אַ מאַמע מיט אַ קינד
אויף די כוואַליעס, ווילד צעהוליעט —
ברעט און קינד צו זיך געטוליעט.

פון דער טיף אַרויסגעשווומען,
אָרעמס אין דער ברייט צענומען,
שווימט די מאַמע, שווימט און שווימט,
אויגן — רויט, דאָס מויל — פאַרקרימט,
קערפּער — אויפן ברעט פאַרשפּרייט,
קעמפט אויף לעבן און אויף טויט,

כוואַליעס אויפן יאַם צעטראָגן
יאָגן ווייט די ברעט און יאָגן,
שווימט אַ ברעט אַזוי אויף יאַמען,
מיט אַ קינד און מיט אַ מאַמען,
שווימען אויפן יאַם מיט שרעק,
ביז זיי קומען צו אַ ברעג.

לויפן מענטשן אויף די ברעגן
און פאַרוווּנדערט אַלע פרעגן:
זאָגט פון ווו און זאָגט פון וואַנען
אין אַזעלכע הוראַגאַנען.
ווי זענט איר אַהערגעקומען
און אַהערצו צוגעשווומען?

זאָגט די מאַמע: מיט יעסורים
זענען מיר אדורך דעם שטורעם,
אַלע טויטן דורכגעליטן,
נאָר מיין קינד האָב איך געהיטן,
שטאַרקער פון צעברויזטע יאַמען
איז די ליבע פון אַ מאַמען.

# פישער

אויפֿן יאַם עס קרעכצן שיפֿן,
און פֿון אונטן פֿון די טיפֿן —
הייבן כוואַליעס זיך און הייבן,
ווי צערייצטע האָרדעס לייבן;
מיט די גריוועס ווילד צעפּלאָסן,
און זיי ווערן באַלד פֿאַרגאָסן.

שיפֿלעך וויגן זיך און בייגן
מיט די לייוונטן צעפֿלויגן.
און מיט שוים די כוואַליעס שפּייען,
מעוועס פֿלאַטערן און שרייען,
וואָלקנס האָבן זיך פֿאַרקליבן,
פֿון דעם ווינט צונויפֿגעטריבן.

שטייען שיפֿער ביי די ברעגן,
און, זיי — פֿרעגן זיך און פֿרעגן:
לאָזן זיך אין פֿאַנג, זיך לאָזן?
ווינטן זענען שטאַרק צעבלאָזן
ווינטן ברומען שוין מעסלעסן, —
אָבער קינדער דאַרפֿן עסן....

טאַטעס דאַרפֿן דאָך פֿאַרדינען —
איז ווער האָט געפֿאַר אין זינען?
נעמען פֿישער שיפֿלעך גיכער,
אויף די כוואַליעס, אינעם וויכער,
שפּרייטן אויס אויף גיך די נעצן,
הייבן כוואַליעס אָן צו זעצן.

כוואַליעס שפּריצן וואַסער־שטויבן,
אויף די כוואַליעס, גראָ פון אויבן,
שווימט אַ וואַלפיש אום צעפּלאָסן,
לאַנג און ברייט — אַ „לעוויאָסן“.
שווימט און יאָגט זיך צו די ברעגן, —
אַלע פישער זיך דערשרעקן.

יאָגט דער פיש, דער לעוויאָסן,
ווי אַ גרויסער באַרג פאַרגאָסן,
מיט אַן עק — די לענג אויף מיילן,
הייבט אויף גאַנצע וואַסער־זיילן,
עפנט אויף אַ מויל — אַ טויער, —
אויף די פישער פאַלט אַ טרויער....

יאָגן פישער צו די ברעגן,
צו די זאַמדן דאָ אַנטקעגן.
שווימט דער וואַלפיש, שווימט צעפּלאָסן,
שיפּעט מיט אַ מויל — פאַרגאָסן.
מיט די ציינער גרויס, ווי שטיגן, —
אויפן ברעג געבליבן ליגן,

נעמט זיך שליידערן און וואַרפן,
אויפן זאַמד מיט ציינערשאַרפן,
וויל די פלעדערן צעפירן —
קען ער זיך פון אָרט נישט רירן,
וואַרפט און שליידערט מיט די זייטן,
גיט אַ וואָרף דעם עק פון ווייטן.

כאַפּט דעם אָטעם, זופּט און סאָפּעט,
ווי אַ באַן, וואָס שטעלט זיך אָפּעט,
הייבט דעם גרויסן גוף, דעם גראָבן,
אין די זאַמדן איינגעגראָבן,
בלייבט ער ליגן אויסגעצויגן —
קוקט מיט טאַמעוואַטע אויגן....

ליגט אין זאַמד דער לעוויאָסן,
ליגט אַ שטילער, ווי דערשאָסן,
און ארום פון אַלע וועגן
מענטשן לויפן צו די ברעגן,
לויפט די גאַנצע שטאָט אַרונטער, —
אַלע לויפן אויפן וווּנדער.

# דאָס קעצל

ליגט אַ קעצל אויסגעצויגן,
האַלב פאַרמאַכט די ברוינע אויגן,
מיט אַ שוואַרצער פעל, אַ גלאַטער —
דרימלט אויפן ראַדיאַטאָר.

קומט אַ ייִנגל, נעמט זי גלעטן,
נעמט זי גלעטן, נעמט זי בעטן:
קום צו מיר, מיין ליבע קעצל,
איך האָב מילך פאַר דיר אין טעצל.

מאַכט דאָס קעצל אויף די אויגן
האַלב פאַרגענעצט, אויסגעצויגן,
שטעלט אויף רונדיק־הויך איר רוקן
און הייבט אָן פאַרוווּנדערט קוקן.

און זי נעמט זיך פויל אויסציִען,
אויף די לאַפּקעס, אויף די קניִען.
וואָנצעס — אויפגעשטעלט, פאַרשלאָפן,
גיט אַ מיאַו און — איז אַנטלאָפן.

לויפט און לויפט אויף גיך דאָס קעצל,
ביז זי זעט די מילך אין טעצל.
הייבט אָן לעקן, הייבט אָן נאַשן
און נאָכדעם, זי נעמט זיך וואַשן.

ווייסט איר דאָך, וואָס קינדער טוען? —
קאָנען אויף קיין אָרט נישט רוען.
קומט דאָס ייִנגל אינדערשטילן,
נעמט זיך מיטן קעצל שפּילן.

מיאַוקעט קעצל מיט איר צינגל:
לאָז מיך אָפּ, דו, נאַריש יינגל,
וועקסט מיך אויף, און לאָזט נישט שלאָפֿן,
בין איך דאָ, אהער אַנטלאָפֿן.

קאָן פון דיר זיך ניט באַהאַלטן,
ס'איז פון דיר נישט אויסצוהאַלטן,
וויפיל מאָל, מען דאַרף דיר זאָגן,
אַז אַ קעצל דאַרף זיך צוואָגן.

# הינטיש לעבן

שטייט אַ שטאַל צווישןביימער,
ווי אַ כורווע דוירעם — אַלט,
ביי דער כאַטע פון דעם שוימער,
וועלכער היט דעם אַלטן וואַלד.

האָט אַ יינגע צויג, אַ קליינע
דאָרט אין שטאַל געבוירן הינטלעך —
הינטלעך פּיצינקע און שיינע,
ווייסינקע, מיט שוואַרצע פּינטלעך.

ליגן הינטעלעך און זויגן,
פּישטשען, פּויזען און זיי וואָיען
אַלע מיט פאַרמאַכטע אויגן,
גראָבן זיך אין שטרוי און ראָיען.

ליגט די צויג א קודלעוואַטע,
מיט די הינטעלעך צוזאַמען,
דרימלען אַלע הינטלעך זאַטע
ביי דעם אייטער פון דער מאַמען.

זאָגט אַמאָל דער טאַטע הונט
צו די הינטעלעך און צייגלעך:
קינדער מיינע, זייט געזונט,
איך גיי רייסן ווערבע-צווייגלעך.

וועל אַנרייסן גאַנצע בינטלעך,
פלעכט זיך אוים אַ קויש ביים טייך,
לייג אַריין איך, מיינע הינטלעך
און איך גיי אין שטאָט מיט אייך.

װעל אַרומגײן אין די הױפן
און װעל בילן אױף מײן לאָשן:
הינטלעך האָב איך צו פֿאַרקױפֿן!
קױפֿט אַ הינטל פֿאַר אַ גראָשן!

װעל איך אַלע הינט פֿאַרקױפֿן,
בלײַבן װעט בײַ מיר קײן אײנער.
נאָכדעם, פֿון די יאַטקע־הױפֿן
ברענג איך מיט אַ קויש מיט בײנער.

הינטלעך קלײניטשקע און גלאַטע,
אײַנגעגנורעטע צװזאַמען,
פּישטשען, װאָיען: ליבער טאַטע,
לאָז אונז בעסער מיט דער מאַמען!

בילט די צװיג, אַ קודלעװאַטע
און זי ברומט דעם הונט אין פּאָנים:
אַך, מ׳שטײנסגעזאָגט א טאַטע —
נאָר געזאָגט אױף מײנע סאָנים....

# דאָס פערדל האָט געבענקט

אַ ראַבע הון, אַן אַלטע קוואָקע,
הייבט אָן לויפן מיטאָמאָל,
שטעלט זיך אָפּ און קוקט קאָסאָקע,
נעמט קאָקאָטשען אויפן קאָל.
קאַ, קאַ, קאַ — שוין מיט אַ בייזער,
שרייט צום האָן: דו האָסט געהערט?
אונזער אַלטער דאָוויד־לייזער
האָט געקויפט אַ נייעם פערד.

הויך און שוואַרץ די לאַנגע גריווע,
איינגעפלאָכטן און פאַרקעמט.
אין דער שטאַל די נייע סוויווע
איז דעם פערד אינגאַנצן פרעמד.
שטייט אין שטאַל דער נייער פערד,
שאָקלט, טרייסלט מיטן שטערן;
שטייט דער נייער פערד און קלערט,
קלערט און קען זיך נישט דערקלערן.

שטראַלן העלע פון דעם מאָרגן
רייסן זיך אין שטאַל דורך שפּאַלטן;
פלעקן, זוניקע, פאַרבאָרגן,
אין די ווינקלען זיך באַהאַלטן,
דאָוויד־לייזער גלייך באַגינען,
ווי ער שטעלט אַראָפּ אַ פוס,
איז אים באַלד אַריין אין זינען
פונם שטאַל דער נייער סוס .

נעמט אָן האָבער, לויפט צו פלינק,
האַלט דעם זעקל אויסגעשפּרייט,

זאָגט דעם פערדל: עס און טרינק,
ווי אין דער האַגאַדע שטייט.
נעמט אַן עמער, גיט אַ שווענק,
לייגט אים צו אַ בינטל היי:
נאַ דיר טאַכשיט, נאָר ניט בענק,
שטיי נישט אומעטיק אַזוי.

אומעטיק שוין גלייך פאַרטאָגן?
אַ פאַרקלערטער נאַכן שלאָף?
ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן —
איך האָב פיינט אַ פילאָזאָף.
ווי פון שטאַל איז נאָר אַרויס
אַט דער מאָדנער באַלעבאָס
גיט דער פערד אַ הירזשע אויס,
הייבט אָן סאַפּען מיט דער נאָז.

און נעמט פאָכען מיטן עק,
גיט אַ טופּע מיטן פוס:
אוי, איך מוז פון דאַן אַוועק,
איך וועל שטאַרבן פון פאַרדרוס.
נאָך מיין אַלטן באַלעבאָס
גייט מיר אויס מיין האַרץ פון וויי,
נאָך דער שטאַל און נאָכן שלאָס,
נאָכן קוטשער אַלעקסיי....

הירזשעט אויס דער פערד אַזוי,
סאָפּעט אומעטיק און שווער:
ניין, קיין האָבער און קיין היי
עס איך שוין פון היינט נישט מער.
האָט אַ בעהיימע דאָס דערהערט,
ווי פון שלאָף זי נעמט זיך טשוכען.
פרעגט זי באַלד דעם נייעם פערד:
עפּשער ווילסטו פוטער־קוכן?

ענטפערט נישט דער פערד און שווייגט׳
קוקט אַ זונען־שטראַל אַנטקעגן;
און די בענקשאַפט אין אים שטייגט,
גייט אריבער אַלע ברעגן.
נישט ער עסט און נישט ער טרינקט,
כאַטש נאָר קאָרמע אים מיט גוואַלט.
און מען זעט, דער פערד, ער זינקט,
פלוצלונג אויפן אָרט ער פאַלט.

גיט זיין שלאַנקער האַלז אַ צי
אין אַ האַלבן רונד פאַרשפּרייט,
ביז צו מאָרגן אינדערפרי
איז דער פערד געבליבן טויט.

# די בין און דער שמעטערלינג

זאַנגען רוישן, זאַנגען פּאַכן,
וויגן, בויגן זיך פאַרנאַכט;
אויף אַ האַלבן זאַנג צעבראָכן
זיצט אַ שמעטערלינג פאַרטראַכט.

קומט אַ בין אויף גיך צעפליען,
זשומט צום שמעטערלינג אַזוי:
אַלע בלומען, וועלכע בליען,
ווערן שוין פאַרדעקט מיט טוי.

און די זון איז שוין פאַרגאַנגען,
פייגל זענען זיך צעלאָפן.
איך האָב מוירע אין די זאַנגען
וועל איך מוזן איבערשלאָפן.

— נו, איז אויך נישט קיין סאַקאָנע,
זאָגט דער שמעטערלינג פאַרקלערט.
מיט איר זילבער, די לעוואָנע,
וועט באַזילבערן די ערד.

און פון שטערן יעדער פינקל
וועט אונז לייכטן דאָ אין פעלד,
אַז מען האָט קיין אייגן ווינקל,
איז אַ היים די גאַנצע וועלט.

## פײזאזש

אויף פעלדער ליגן פויל בעהײמעס אויסגעלײגט
און פאָכן מיט די עקן פון די רוקנס אָפּ די פליגן,
צוגעטוליעט צו אַ קליאַטשע שטײט אַ לאָשעקל און זויגט,
און צו אַ פּאַרקן צוגעבונדן קראַצן זיך צװײ ציגן.

מאַרגאַריטקעס און רומיאַנעק טאַנצן, װיגן זיך אין גראָז,
אַ לאַנקע כוואַליעט זיך פון װינטל װי אַן אָזערע צעשװומען, —
פון די זאַנגען מאַכנעס פײגל גיבן פלוצלינג זיך אַ לאָז,
און פליען, פאָכן אינם בלאָ װי פעכערלעך צענומען.

סטרעלקעס גלאַנצן אין דער זון, עס פליען הוזשענדיקע בינען,
עמעץ גיט אַ פײף און שנײדט די װײטקײט דורך מיט הילך;
אויף בײמער גלאַנצן קאַרשן, װי באַשאָטן מיט רובינען,
פון אַ פערמע טראָגט אַ פויערטע אַ קאַן מיט מילך.

אַ פויער אַקערט אויף אין זון אַ פרישע פעלד צום זײען,
קום איך צו פון װײטן און באַגריס אים, —
די בלאָע אויגן פונם פויער קינדעריש זיך פרײען,
הײבט אָן רעדן און דערצײלט מיר זײנע ניסים.

אַמאָל האָב איך מיט מײנע ײנגלעך, מײנע זין װי לײבן צװײ,
געגעבן אָט די האַרטע ערד דאָ מיטן אַקער אַ צעװאָרף,
אין פרילינג, װי עס פלעגט נאָר קומען דער פאַרזײ —
געמאַכט האָב איך עס פריער װי יעדער פויער דאָ אין דאָרף.

איך האָב נישט מער מײן פערנאָן*), נישטאָ מער מײן זשיראַר*)׳
געבליבן מיט מײן אַלטער אָן אַ טאָכטער, אָן אַ זון.
שטײ איך מיטן אַקער און איך בראָט זיך װי אַן אַלטער נאַר,
און מײנע זין זײ ליגן װו באַגראָבן בײ װערדון.

*), *), נעמען

## דער דיכטער

הערט אַ מייסע מיט אַ דיכטער,
אַלע קינדער, הערט זיך איין:
אַז אַ דיכטער איז נישט ניכטער,
איז נישט שיקער בלויז פון וויין,
אַז אַ דיכטער קען פון ווערטער
און געדאַנקען שיקער ווערן;
זעצט זיך קינדער אויף די ערטער,
וועט איר באַלד אַ מייסע הערן:

אויף די פעלדער, אין די גראָזן,
טשווירקעט ערגעץ אַ טשווירקון.
און דער טאָג האָט שוין פאַרלאָזן
עס געזעגנט זיך די זון.
פאַלט אַ ראָזע שיין אויף קאָרן
פון דעם רויטן זונפאַרגאַנג.
ווייטן ווערן ווייט פאַרלאָרן,
פעלדער ווערן ברייט און לאַנג.

ראָז און רויטער ווערט דער הימל,
גייט אַ דיכטער אויף די וועגן.
ווי אַ גייענדיקע בלימל,
קומט אַ מיידעלע אַנטקעגן.
האָט דער דיכטער איר באַגעגנט
אָט דאָס מיידעלע אין וועג,
ווען די זון האָט זיך געזעגנט
מיטן טייכל אויפן ברעג.

גייט דאָס מיידעלע, אַ דרייסטע,
גייט פאַרביי אַן אַלטן בוים.
פרעגט דער דיכטער: זאָג, ווו גייסטו.
זאָגט דאָס מיידעלע: אַ היים,
צו מיין מאַמען, און מיין טאַטע —
שטייט און וואַרט דאָך ביי דער טיר.
ביי דעם וואַלד עס שטייט אַ כאַטע,
אין דער כאַטע וווינען מיר.

איז מיין טאַטע דאָרט אַ שוימער,
רופט מען אים דער שוימער היקס.
היט ער אָפּ אין וואַלד די ביימער
און מיין טאַטע האָט אַ ביקס.
און אַ הונט, אַ קודלעוואַטן,
איז אויך דאָ ביי אונז אין הויז.
לויפט ער שטענדיק נאָכן טאַטן,
לויפט און בילט אין וועג פאָרויס.

זאָגט דאָס מיידעלע דעם דיכטער:
— קומט צו אונז, איר ווייסט דאָך ווו.
שאָטנס ווערן שוין געדיכטער
און דער אָוונט פאַלט שוין צו.
קומט צו אונז, מיין ליבע באָבע,
וועט אייך געבן טרינקען טיי.
זאָגט דער דיכטער: אַדעראַבע,
קום, איך גיי מיט דיר, איך גיי,

קומט צו אונז, מיין ליבע מאַמע
מאַכט שוין איצט דאָס עסן גרייט,
איר זענט הונגעריק מיסטאָמע,
וועט איר עסן אָוונט-ברויט.
ריין און ציכטיק אין דער כאַטע,
פענסטער אָפן, לופטיק פריש.
אָפּגעגעסן, זיצט מען זאַטע
און מען שמועסט ביי דעם טיש.

בײַ דעם דיכטער גלײַך פֿאַרטאָגן
שטראַלט דער מאָרגן ציכטיק־בלאַנק.
װערטער פֿליען, װערטער יאָגן,
אין זײַן שטורמעשן געדאַנק.
װערטער לויפֿן אום צעטריבן
אין זײַן דיכטערשן געמיט,
ביז ער האָט זײ אויפֿגעקליבן,
אָנגעשריבן באַלד א ליד.

# ציגיינער אין שטעטל

פורן יאָגן ווי צעפלויגן,
יעדער וואָגן מיט אַ בויד.
מיט די צעפּ און שוואַרצע אויגן —
קוקט אַרויס אַ שוואַרצע מויד.

קינדער שוואַרצע און קודראַווע,
מיט געלעכטערס און געוויין.
און איך בין אַליין טשעקאַווע,
ווו די פורן בלייבן שטיין?

יאָגן גיך די פורן אַלע .
צו דעם שטעטל, דאָ אַהער,
גיט מען קינדער עסן כאַלע,
וויינען קינדער שוין ניט מער.

שוואַרצע אויגן, ווייסע ציינער,
לאַנגע פלעכטן, הויך און שלאַנק,
אַלע ווייסן: סאיז ציגיינער,
יעדער קען זיי נאָכן גאַנג.

אויסגעשטעלט די בוידן גיכער,
זיצט אין בויד אַ יעדע ווייב.
אויסגעפּרוווט די פערד אויף זיכער —
מיט אַ פּאַטש, און מיט אַ טרייב.

אַלטע ווייבער אין פאַנטאַפל
זיצן פּלאַפּלען ביי די בוידן,
שיילן רויק די קאַרטאָפל
און אין קאָרטן שפּילן מוידן.

זייער יישעוו איז אַ פּרייער,
לויפן יאַטן ברענגען שטיינער.
לייגט מען אָן אַ גרויסן פייער,
קאָכן טעפּ מיט פלייש און ביינער.

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען,
אַלע אויפן גראָז צעשפּרייט.
האָט אַ באָכער זיך צעזונגען
מיט אַ שטימע ווי אַ פלייט.

האָט אַ באָכער זיך צעזונגען, —
אַזאַ הארציק — ליריש ליד.
האָט אַ צימבל זיך צעקלונגען
און אַ פידל אינדערמיט.

אָפּגעטרונקען, אָפּגעגעסן —
אַלע פריילעך אויפן גראָז.
אָפּגעגעסן, נישט געזעסן, —
גיט מען זיך אין טאַנץ אַ לאָז.

שפּילט די פידל און זי כריפּעט,
שפּילט דאָס פידעלע און נאָגט,
ווי עס וואָלט אַ פרוי געכליפּעט,
ווי אַ פרוי וואָלט זיך צעקלאָגט.

שפּילט דאָס פידעלע און שפּילט
און דער צימבל קלינגט, און ציט,
און דער באָכער זינגט, און טרילט,
און דער טאַנץ ער פליט און פליט.

פליט אַ טאַנץ, עס קנאַקן קנאָכן,
מיט די מיילער אַלע אָפן
הענט און קליידער, טיכער פאָכן —
אַז געטאַנצט איז נישט געשלאָפן!...

גלאַנצן שטיוול, קליידער העלע,
בענדער, ליענטעס, פּאַלבן, שטאָפן.
דרייט זיך אַלץ, ווי אַ קאַרזועליע —
אַז געטאַנצט איז נישט געשלאָפן!...

אַז געטאַנצט, איז ווי אַ וויכער —
הענט און פיס אין לופט צעלאָפן.
פליען שאַלן, פרענז און טיכער —
אַז געטאַנצט איז ניט געשלאָפן !...

קעפ און בליקן — ווילד צעפלויגן
אין אַ פאַרביקן טאַבון.
בערד און פלעכטן, ציינער, אויגן,
אויפגעפלאַקערט אין דער זון.

שפּילט און צימבלט די גיטאַרע
שפּילט די פידל, יאָגט אויף גיך.
און אַ פרוי, מיט פינגער דאַרע,
זיצט און יאָמערט שטיל פאַר זיך.

קינדער יאָגן זיך נאָך פליגן,
לויפן אום צעשטיפּטערהייד.
צימבל פידל, טאַנץ און ניגן
אין א קנויל אַריינגעדרייט.

און אַ שליידער אַלע גלידער,
קליידער ווינטיק אויפגעבלאָזן.
ביז זיי פאַלן מיד אנידער —
אויסגעוואַלגערט אין די גראָזן.

# אַ זומער טאָג

אַ הייסער טאָג, עס שטייט אַ זון צעגליט אַ רויטע, —
אויפן וואַסער פאַלן שאָטנס שטיל ווי פייגל טויטע.
ליג איך מיט מיין כאַווער אויף די פעלדער אויסגעשפּרייטע,
און מיר קוקן אויף די טווזע שטראַלנדיק פאַרזייטע,
זאָגט ער: קום, מיר ווילן זיך צום וואַסער לאָזן,
זעסט אַ שיפל ביי דעם ברעג אין טיפע גראָזן?
אויפן אינזל צווישן ביימער דאָרט איז רויק, שטילער,
אינעם שאָטן איז די לופט אויך פייכט און קילער.

כאַפּן מיר די רודערס, לאָזן זיך אין שנעלן שיפן,
זונען־פלעקן טאַנצן גלימצערן און שטיפן,
פירן מיר דאָס שיפל פעסט, מיר רודערן צוזאַמען,
און די היץ אין מויעך שווערער הייבט אָן פלאַמען,
און די היץ אין מויעך הייבט אָן שטאַרקער קלאַפּן,
ס'ווערט געדיכט די לופט און שווער ווי אָנצוטאַפּן,
ווי צעפלאָסן קופער ווערט דער הימל צונטער,
און די ביימער שטייען מיט די קעפּ אַרונטער.

די לופט ווערט נעפּלדיק געדיכט און רויטער,
און דאָ אַ בליץ, אַ בליץ און נאָך אַ צווייטער
אַ קנאַל, און נאָך אַ גרעסערער, נאָך איינער.
עס קייקלען זיך די דונערן, ווי פאַלנדיקע שטיינער.
אַ רעגן מיט אַ ווינט הייבט אָן צו יאָגן און צו שמייסן,
בלעטער פליען, צווייגן ברעכן זיך און רייסן.
ביימער וואָיען וואַרפן זיך אויף פעלדער פרייע,
און יאָמערן אין ווינט ווי ווייבער אויף אַ לעווייע.

אַנ'אויפגעקאָכטער ווערט דער טייך אין גאַנצן
בליצן שלענגלען זיך אין טייך און טאַנצן,

דאָס שיפֿל שליידערט און נישטאָ קיין רעטונגס-בייגל,
און די בליצן פֿלאַטערן ווי פֿייערדיקע פֿייגל,
ס'וואַסער קנייטשט זיך, בלענדט ווי שפּליטערן פֿון שפּיגל,
און פֿון ווייט — אַ שיפֿל מיט אַ לייוונט פֿליגל,
קוילעס שטאַרקע הילכן פֿון צוויי פֿעסטע יינגען.
נאָר זיי ווערן אין דער שטורעם לופֿט פֿאַרשלונגען

נאָר אַן עכאָ ברענגט צוריק די קוילעס פֿון די יינגען.
היי! די רודערס פֿעסטער האַלט נאָר אין די רינגען.
און אין לופֿט עס טראָגט זיך אַזאַ קנאַלענדיקע אימע,
דער ווינט, ער וואָיעט ווי עס מוקעט אין דער נאַכט אַ בעהיימע.
ס'קייקלט זיך אַלץ מוירעדיקער אין דער לופֿט דאָס קנאַלן,
אַ קראַך, און נאָך אַ קראַך, און ווערט אין ווייט פֿאַרפֿאַלן,
די לופֿט איז פֿינסטער ווי אַ האַרבסטיקער באַגינען.
בלעטער פֿליען דרייען זיך און קענען זיך קיין אָרט געפֿינען.

בלעטער פֿליען דרייען זיך געיאָגט איןווירבל צו די רוימען,
און דער ווינט צעטרייבט די כוואַליעס שפּייט אויף זיי מיט שוימען,
וואַשט די גראָזן אויף די פֿעלדער לייגט זיי אוים אויף אַלע וועגן,
שמייסט מיט בייטשן אין דער לופֿטן און צעיאָגט דעם רעגן.
און די בליצן צינדן ווייטן, און עס בלענדט די ווייט אין גאַנצן,
און די שרעקן מערן זיך, די ווייט אַליין אַ פֿלאַם אין גאַנצן,
עס הייבן זיך אין בונטן כוואַליעס שטאַרקער נאָך זיי יאָגן,
אונזער שיפֿל אויפֿן וואַסער ווערט פֿון זיך אַליין געטראָגן.

אונזער שיפֿל ווערט געשליידערט פֿון די כוואַליעס הויך צעשפּרונגען,
נאָך אַ בליץ און נאָך אַ קנאַל אָט ווערן מיר פֿאַרשלונגען,
מיר קעמפֿן בײדע קעגן טויט, מיט אַלע זיינע גרוילן,
מיר רייסן זיך אַדורך מיט קראַפֿט אַדורך די וואַסער קנוילן
מיר קערעווען, מיר רודערן, און ווילן זיך צום ברעג דערשלעפּן,
נאַס אין גאַנצן דורכגעווייקט די קליידער אויף אונז קלעפּן,
אויף מיין כאַווער זע איך שרעק, די אויגן גלאָצן פֿון יעסורים,
אונזער שיפֿל איז מיט אונז אַ פֿעדער ביי דעם שטורעם.

און דער שטורעם, ווערט אַלץ שטאַרקער און צערייצט די וואַסער בונטן,
און דער טויט ער קייקלט זיך אויף כוואַליעס פון די גרונטן,
ס׳הילכן אַפּ פאַרמישטע שטימען פון דער ווייט אין לופטן
ווי פאַרטויבט דערהערן מיר פון וויטן אַז אונז רופט מען,
ביימער ווערן שטילער, ווינטן הערן אויף צו שווישטשען — ,
צווישן וואָלקנס העלע פלעקן הייבן אָן צו בלישטשען,
צווישן כמאַרעס נעמען שטראַלן העלע זיך באַווייזן,
און דאָס וואַסער הייבט אָן שטראָמען לאַנגזאַמער אין קרייזן.

פון די צווייגן אויף די גראָזן, טראָפּנס לאַנגזאַם טריפן,
פייגל לאָזן זיך אַרוים און שוויטשערן און שטיפן.
מיר זענען אויפן ברעג, און זיצן אויף אַ שטיין פאַרמאַטערט,
אַ שוואַלב צענומען ווי אַ פעכער אין דער לופטן פלאַטערט,
פעלדער אָטעמען שוין פרייער. פון דעם טאָג דעם אָנגעגליטן,
עס שמעקט מיט פייכטן גראָז, מיט פרישן היי געשניטן,
די זון זי נידערט שוין צום וואַלד, ס׳ווערן ראָז די זאַנגן,
אַזוי האָט זיך אַ הייסער טאָג געענדיקט און פאַרגאַנגן.

# דער קאַמונאַר

פון דער ווייט די קאַטשקעס קוואַקען
ביי דעם טייכל אויפן ברעג.
גייט פאַרביי אַן אַלטער זאַקן
מיט אַ שטעקן, אויפן וועג.
מיט אַ לאַנגער באָרד, אַ גראָער,
אויפגעבלאָזן פונם ווינט;
און דער הימל איז אַ בלאָער,
יאָגן פייגל זיך געשווינד.

מיט אַ קוואַקעריי צעטראָגן
פליגל אין דער לופט צעבלאָזן —
יאָגן קאַטשקעס זיך און יאָגן
און צעפליען אויף די גראָזן.
גייט דער זיידע, לאַנגזאַם טרעט ער
אויפן שליאַך, דעם אויסגעפּרוווטן.
מיטאַמאָל פונוויטן זעט ער:
עפּעס ענדערט זיך אינלופטן.

ביימער רוישן, ווינטן ברומען,
גראָזן הוידען זיך צעבלאָזן;
און אויף פעלדער, ווי די בלומען,
קינדער שפּרינגען פון די גראָזן.
מיט געלעכטער און מיט פריידן
פליען קליידעלעך און לאָקן.
און אין טאַנץ אַרום דעם זיידן,
מיט געזאַנג אַרום דעם זאַקן.

און דער זיידע, אינדערמיט ער
פּאַטשט די הענט, די קינדער זינגען.

פלוצלונג גיט אין פעלד אַ ציטער,
אַזש די גראָזן זיך צעשפרינגען.
בליצן אין דער ווייט זיך צינדן
און דער הימל — גרוי, אַ טריבער.
אַלע קינדער גלייך פאַרשווינדן,
בלייבט דער זיידע עלנט איבער.

שטייט אַליין אין פעלד אין פרייען
און דער זיידע איז נישט זיכער,
צי אין פעלד און צי אין ראיען
איז געוואָרן אָט דער וויכער.
קוקט דער זיידע זיך אַרומעט,
פעלדער נאַס און פייכטע ליגן;
און פונווייטן, מיט אַן אומעט
הערט ער אַזאַ'ן אַלטן ניגן.

אַזאַ'ן אַלטן ניגן הערט ער
אינם רויש, צווישן שטאַמען.
ער דערמאָנט זיך אויף די ווערטער:
ס'איז אַ ניגן פון זיין מאַמען.
הילכט דער ניגן צו דעם זיידן,
ער דערמאָנט זיך אין זיקאָרן.
און די ווערטער צו אים ריידן
נאָך פון זיינע קינדער־יאָרן.

ווען ער איז אַ קינד געווען,
בלויז זיין קינדער־וועלט געזען
און מיט ביישעק דאָן געלעזן
אַנדערסאָן און לאַפאָנטען.
ער דערמאָנט זיך יענע צייטן,
שטיקן טרערן אים צו וויינען.
ווערן גראָער אַלע ווייטן,
טונקל ווערן אַלע פליינען.

קומען כמאַרעס קודלעוואַטע,
שוואַרצע ווייטן נעמען שרעקן.
גייט דער זיידע צו זיין כאַטע,
גייט דער זיידע מיטן שטעקן.
ביי דעם זיידן אין זיין כאַטע
זיצט די באָבע דאָרט אַליין.
אויף די ווייסע ווענט, די גלאַטע
פאַלט פון לאָמפּ אַ מאַטער שיין.

און די באָבע אין איר פאַרטוך
האַלט די קאַץ אין שוים און גלעט.
זיצט די באָבע און זי וואַרט דאָך
אויפן זיידן אַזוי שפּעט.
קלאַפּט דער זייגער אויפן שמינע *)
מיט אַ בראָנז-געשניצטן האָן,
שטייען אַלטע וואַזן גרינע
אינדערמיט — אַ מעדאַליאָן.

און אויף אַלץ, אין שטויב צוזאַמען
יאָגט די שטילקייט שאָטנס אָן.
פון די אַלט-באַגילדטע ראַמען
קוקט מאַראַט און אויך דאַנטאָן.
מיט אַ גלויביקער עמונע
האָט דער זיידע מיט געוויסן
אין דער צייט פון דער קאָמונע
שטיינער פונעם ברוק געריסן.

ליגט זיין העמד פון דאָן פאַרבלוטיקט
ערגעצווו, אין די שופלאָדן
און זיין האַרץ איז ניט אַנטמוטיקט,
נאָך מיט צאָרן אָנגעלאָדן.
זיינע בליקן, ווי די שפּיזן,
קעגן אַלע רייכע האַרן.
ער איז איינער פון די ריזן,
פון די אַלטע קאָמונאַרן.

*) אַ קאַמין.

# גרינע טאָלן

אויפן טייך אין גרינע טאָלן
שווימען גענז די גאַנצע טעג.
אַלטע דעמבעס און טאָפּאָלן
היטן אָפּ דעם שטילן ברעג.

ווינט אַ ווערבע צו די ביימער
פון די צווייגן טריפן טרערן
אַך! סאיז אומעטיק אַזוי מיר
קען דעם רויש פון טייך נישט הערן.

בעסער וואָלט מען מיך צעשניידן
און אויף שייטלעך האַלץ צעהאַקן.
ניין איך קען שוין מער נישט ליידן
ווי די גענז און קאַטשקעס קוואַקן.

געלע גראָזן שטיל זיך שושקען
סיי אין וואָך, און, סיי אין שאַבעס,
אינעם טייך די פישלעך פליושקען
און עס קוואַקן אַלע זשאַבעס.

פייגל קומען גאָר שוין זעלטן
בלומען וועלקן גאַנצע בונטן
און פון שנייען און פון קעלטן
ברומען שוין אין פעלד די ווינטן.

מיר פאַרשטייען, ווערבע ליבע,
רוישט אַן אַלטער דעמב צעבלאָזן,
ווערבע ליבע, ס׳איז די סיבע,
ווייל די זון האָט אונז פאַרלאָזן.

ווייל פוןביימער בלעטער פאַלן
און עס וועלקן שוין די בלומען
טעג צעשטראַלטע וועלן שטראַלן,
ווען דער פרילינג וועט נאָר קומען.

און אַ קינדערשער געלעכטער
וועט זיך קייקלען דאָ, ווי טרעלן
און מיר וועלן זיין די וועכטער
פון אַ זומער פון אַ העלן.

אויף די פעלדער ביי די וועגן
וועט מען קינדער-היימען גרינדן,
קומען קינדער נאָר אַנטקעגן
מוז דער אומעט באַלד פאַרשווינדן.

# אויפן טייך

קווא, קווא, קווא, קווא,
רופט אַן ענטל צו דעם ברעג.
קראַ, קראַ, קראַ, קראַ,
שרייט אַ קראָ און פליט אַוועק.

קומען געגז אַ גאַנצע סטאַדע.
פירט דער גאַנער זיי צום טייך.
זאָגט דער גאַנער: נו, אַוואַדע,
אַן אַסיפע מאַכט מען גלייך.

אויפן טייך עס שווימט א שוואַן,
טונקט זיך אין די כוואַליעס טיפע.
און דער שוואַן, ער האָט אַ פּלאַן,
ער וועט פירן די אַסיפע.

שטראַלט דער טייך פון ווייט אַ פרייער,
און דער שוואַן, זיין האַלז געבויגן
טונקט זיך טיף צווישן אייער —
פליושקעט, פינטלט מיט די אויגן.

שווימען ענטלעך גאַנצע מאַכנעס,
קוואַקן, בורבלען, בול, בול, בול,
שרייט דער גאַנער: זייט קיין יאַכנעס,
דאָ איז נישט קיין ווייבער-שול.

אויפן וואַסער, אין דער שטילן,
טאַנצן שטראַלן דאָ און דאָרט.
אין דער מיט פון וואַסער-ליליען
זיצט דער שוואַן און נעמט אַ וואָרט.

אַלע מיינע טייך־קאַלעגן,
גענז און ענטלעך, מיינע פריינט,
שוואַרץ צעפלאַטערט, אַנז אַנטקעגן
איז אַ קראָ געפלויגן היינט.

וואָס אַ קראָ איז, ווייסט דאָך יעדער
ס'איז דאָך איבעריק די רייד,
פון אַ קראָ אַ שוואַרצע פעדער
רופט אַרויס אַ שרעק פון טויט.

איז מיין פלאַן, איך וועל אייך זאָגן:
אָפּצוהיטן אונזער ברעג,
אַלע קראָען צו פאַריאָגן,
דאַרף מען קוואַקען גאַנצע טעג.

# פליער

לאָזן פליער ווייט זיך לאָזן
אויף צוויי גרויסע עראָפּלאַנען,
ווו די קאַלטע שטורעמס בלאָזן,
ערגעץ זייער ווייט פונדאַנען.
איבער אייז און איבער שנייען
אויפן נאָרד-פּאָל צו דערגרייכן,
יאָגן פליער זיך אינצווייען,
ווי די אָדלערס אין די הויכן.

אויפן אייז, אזוי ווי סקאַליעס
מיט אַ שוים די כוואַליעס שפּייען
און די פּאָקעס פון די כוואַליעס
קריכן אויפן אייז און שרייען.
קריכן ווייסע, גרויסע בערן
אויף די אייז-בערג, אויף די שפּיצן,
קריכן בערן און זיי קלערן
און זיי בלייבן אויבן זיצן.

בויגן זיי די קעפּ, די בערן,
יאָגט אַ ווינט, אַ שניי אין שטויבן
און די בערן, זיי דערהערן
אַזאַ שטאַרקן רויש פון אויבן.
פּאָקעס שרייען, בערן ניוכען,
כוואַליעס וואַרפן ווייסע שוימען
און די עראָפּלאַנען זוכן
מיט די פליגל אין די רוימען.

האָבן פליער נאָר איגזינען
אויף די אייז-בערג, די פאַרשנייטע,

אַז זיי מוזן אויסגעפינען.
נאָך אַ גרויסע וועלט, אַ צווייטע.
עס פֿאַרשפּרייטן זיך טומאַנען
און עס בושעווען זאַווייען.
פֿליען ביידע אַעראָפּלאַנען
און זיי יאָגן זיך אינצווייען.

איז דאָך שפּעטער, אָדער פֿריער,
נעפּלען ווערן דאָך צערונען
און די ביידע בראַווע פֿליער
האָבן נאָך אַ וועלט געפֿונען.
הימלען בלאָע, הימלען ריינע,
פֿעלדער, וועלדער, מטעפּעס פֿרייע
נאָך אַ וועלט, אַ וועלט אַ שיינע,
נאָך אַ גרויסע וועלט, אַ נייע.

פֿעלדער, וועלדער, בערג און טאָלן,
פֿעלזן, סקאַליעס, וואַסער־פֿאַלן
און אויף טייכן, ווי קרישטאָלן
שפּילן זיך די זונענשטראַלן.
גרינע ווערבעס און קאַשטאַנען,
אויף די גראָזן בליען בלומען.
און די ביידע אַעראָפּלאַנען
זענען באַלד אַראָפּגעקומען.

האָבן מענטשן זיך באַוויזן,
שטייען זיי אין פֿעלד, אינמיטן,
הויכע, שלאַנקע, שטאָלצע ריזן,
ווי פֿון מאַרמאָר אויסגעשניטן.
שיינט די זון און ווינטלעך ווייען,
מענטשן מערן זיך און מערן;
ביידע פֿליער, ביידע שטייען,
וואַרטן וואָס אָט דאָ וועט ווערן.

אויף דיביימער פייגל זינגען,
אויף די טייכן שווימען שוואַנען.
קליינע קינדער טאַנצן, שפּרינגען
אַרוםביידע אַעראָפּלאַנען.
קומט פון שטאָט דער ראָש, אַ זאָקן,
זיינע גוטע אויגן שטראַלן
און די ווייסע זילבער-לאָקן
אויף די אַקסלען זיך צעפאַלן.

רעדט דער זאָקן, רעדט דער זיידע
און דריקט אויס אַ ווונטש, אַ הייסן
און לאַדט איין די פליער ביידע
אויף אַ יאָנטעוו אויף אַ גרויסן.
שפּילט מוזיק אין שטאָט אַנטקעגן,
שטייען פאַלמען און וואַזאָנען.
מיידלעך וואַרפן אויף די וועגן,
בינטן בלומען פון באַלקאָנען.

צו אַ פּאַלאַץ מיט פּיליאַרן
פירט מען זיי, די פליער ביידע.
דורך די סקווערן, דורך בולוואַרן
און פּאַרוים — עס גייט דער זיידע.
אויף טעראַסן, אויף די שטיגן
פון קרישטאָל די פענצטער שטראַלן.
רויטע קאַוואַיאַרן ליגן
ביז די טירן פון די זאַלן.

הענגען בילדער און פּאָרטרעטן
און גראַוויור פון עלפאַנטביין.
ס'קוקן דענקער און פּאָעטן,
אויסגעהאַקט פון מירמלשטיין.
שטייען רייך-געדעקטע טישן,
שטראַלן אויף די גלעזער גלאַנצן.
בלומען-וואַזעס, זיי דערפרישן
און פּאַרשיקערן אינגאַנצן.

שטייען ביידע פליער, העלדן
און אינמיטן שטייט דער זיידע.
און דער זיידע, ער נעמט מעלדן
פון די געסט, די פליער ביידע.
ס'האָבן היינט אַראָפּגענידערט
דאָ, צו אונז, צוויי אעראָפּלאַנען,
ווי די אָדלער צוויי געברידערט
און מיר ווייסן נישט פונוואַנען.

ווער איר זאָלט ניט זיין, זייט ווילקן,
אַז מיר דאָ, אין זאַל, צעזאַמען,
מיר דאָ אַלע אייך באַגריסן,
ווי די קינדער פון איין מאַמען.
קיינער איז אונז נישט דערווידער,
ווער עס קומט מיט גוטע צילן.
אַלע זענען מיר דאָ ברידער,
לעבן מיט דעמזעלבן ווילן.

נישט קיין לוקס און נישט קיין הונגער,
קיין ברילי‍אַנטן און קיין שמאַטעס,
נאָר אַ פּעסטער דאָר, אַ יינגער —
שטאַרקע מאַמעס, שטאַרקע טאַטעס.
ביידע פליער זיך דערפרייען,
מיט אַ פרייד אַדורכגענומען,
אָנגעלאַדן מיט אידייען,
זענען זיי צוריקגעקומען.

# א ווינטער מייסעלע

די סאראקעס אויף די הויפן
קראקען אין דער לופט, דער גראָער.
דריי כאַזײרים נעמען לויפן
און זיי קוויטשען ביי אַ טויער.

הייבט אָן שנייען, שנייען, שנייען,
שיט אַ שניי און שיט און שיט.
אויפן שניי, ווו מענטשן גייען —
ווערט פאַרשאָטן יעדער טריט.

אין אַ וואָלענעם זשאַקעטל,
איינגעטוליעט אין דער קעלט,
האָט אַ ייִנגעלע פון שטעטל
ווייט געבלאָנדזשעט אויפן פעלד.

אויפן פעלד עס שנייט און שנייט,
גרוי די לופט, אָן זונען-שיין;
גייט דאָס ייִנגל גייט — און גייט,
ביז ער קומט אין וואַלד אַריין.

שיט אַ שניי און שיט אויף וועגן,
לויפט אַ הונט אין מיטן וועג.
קומט ער אָן דעם קינד אַנטקעגן,
גיט אַ שמעק, און גייט אַוועק.

קומט צוריק מיט זשעדנע אויגן,
לויפט צוריק דעם זעלבן וועג:
מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן —
שטעלט זיך קעגן קינד אַוועק.

שטייט און בילט און דרייט דעם ווידל:
— אזא קינד אַ שיינס אין שניי?
קום מיין קינד צו מיר איןביידל,
איך האָב קליינע הינטלעך צוויי.

וואָיען, פויזן זיי, און בילן,
קריכן אום אויף אַלע פיר —
קום, דו וועסט זיך מיט זיי שפּילן,
קום, מיין ליבעס קינד מיט מיר.

זעסטו דאָרט צווישןביימער
שטייט אַ כאַטע טיף אין שניי —
אין דער כאַטע וווינט אַ שוימער,
האָט ער זין, ווי סאָסנעס צוויי.

אויפן הויף איז האָלץ און שפּענער
אין דער שטאַל פאַרדעקט מיט שטרוי
פערד און קאַטשקעס, הינער, הענער
און אויך ווייסע ציגן צוויי.

ליגט אַ כאָמעט אין אַ וואָגן
און קאַרטאָפל גאַנצע זעק.
אַלע מאָרגן, גלייך פאַרטאָגן,
פאָרןביידע זין אַוועק.

בלייבט דער אַלטער און זיין אַלטע,
זיצן, הערן נאָר דעם ווינט.
אין די ווינטער טעג, די קאַלטע,
איז אַ פרייד אין שטוב — אַ קינד.

איך וועל בילן, בילן, בילן,
אין דעם גראָען טאָג-אריין,
ביז דער אַלטער וועט דערפילן:
עפּעס מוז אין דרויסן זיין!

ווען ער לויפֿן גלייך צום טויער
אין זיין קאַזשוך איינגעהילט
און וועט קוקן, מיט באַדויער,
וואָס איך האָב אַזוי געבילט.

ער וועט זען אין די שנייען:
שטייט אַ קינד אַליין אין ווינט,
וועט די אַלטע זיך דערפרייען,
נעמען דיך אין שטוב, מיין קינד.

דיך דערוואַרעמען געשווינדער,
געבן עסן, טרינקען טיי.
אַלטע זענען דאָך ווי קינדער,
וועסט זיך שפּילן דאָרט מיט זיי.

און אין הויף איז דאָך מיין ביידל,
איך וועל שטענדיק זיין מיט דיר.
בילט דער הונט און דרייט דעם וויידל:
— קום מיין ליבעס קינד מיט מיר!

זעט דאָס קינד: ער האָט קיין ברייררע,
אַז עס רעדט אַ הונט אַזוי,
האָט ער פֿאַרן הונט קיין מוירע,
גייט ער מיטן הונט אין שניי.

בלאָזט אַ ווינט, אַ שניי אין שטויבן
און אַ שליטן יאָגט און יאָגט.
פֿליען פֿערד, אַזוי ווי טויבן —
פֿון די פֿערד אַ פּאַרע שלאָגט.

פֿליען פֿערד צווישן שטאַמען,
יאָגן גיכער אין גאַלאָפּ.
זעט דאָס קינד זיין טאַטע-מאַמען,
און דער שליטן שטעלט זיך אָפּ.

שפרינגט דער טאַטע אין די שנייען
אין די שנייען, אין דעם ווינט.
טאַטע-מאַמע זיך דערפרייען,
כאַפּן מיט אַ פרייד דאָס קינד.

נעמט דער הונט די קליידער שמעקן,
שפרינגט דעם טאַטן אויפן קאָפּ,
בילט צום קינד און נעמט אים לעקן
און ער לאָזט דאָס קינד ניט אָפּ.

שפרינגט און וואַיעט אַזש פון ווייען
אין די אויגן — צאַאר און גרויל.
וואַרפט און שליידערט זיך אין שנייען
ליגט און יאָמערט אין אַ קנויל.

זאָגט דאָס קינד צו טאַטע-מאַמען,
הייבט אָן כליפּען מיט געוויין:
נעמט דעם הונט מיט אונז צוזאַמען,
לאָזט ניט דאָ דעם הונט אַליין.

מיט אַ פרייד, אַ מויל מיט גאַוועער,
פאָרט דער הונט מיט זיי אַצינדער
און פון דאַן דער בעסטער כאַווער,
איז דער הונט מיט אַלע קינדער.

# דאָס לאַנד פון פרייד

קינדער, הערט: איך וועל אייך פרעגן,
ענטפערט נאָר מיט קלאָרע רייד:
זאָגט מיר, קינדער, וועלכע וועגן,
פירן צו דעם לאַנד פון פרייד?

זיצן קינדער שטיל און קלערן,
קיינער ענטפערט נישט קיין וואָרט,
נאָר איין יינגל קראַצט דעם שטערן
און ער הייבט זיך אויף פון אָרט.

שטייט פון וויטן, אָפּגעזונדערט,
וואַרפט די בליקן ווי צעשטרייט —
קינדער! — שרייט ער אוים פאַרוווּנדערט, —
איך קען גוט דאָס לאַנד פון פרייד.

ס'איז א לאַנד פון זון און בלומען,
שוועבט די פרייד ביז זונפאַרגאַנג,
נאָר אַהין איז שווער צו קומען
און עס דויערט זייער לאַנג.

פעלזן שטייען אויפן וועג
און מידבאָריעס וויסטע, הייסע.
יעדער שפּאַן און יעדער שטעג
איז פאַרשטעלט מיט שטיינער גרויסע.

זאַמדן הייבן זיך אין כוואַליעס,
וואַרפן וואָלקנס שטויב אַנטקעגן
און די גליענדיקע סקאַליעס
שטייען שפּיציק אויף די וועגן.

זענען מענטשן מוטיק, זיכער,
קומען דורך די גרעסטע היצן,
פאַר אַ פּאַכדן, פאַר אַ קריכער
איז נאָר גוט אין שטוב צו זיצן.

אַזוי ציִען זיך די וועגן,
ביז מען קומט אַהין אַריבער
קומט אַנ׳אַלטער וואַלד אַנטקעגן
און עס ווערט שוין היימיש, ליבער;

ווען מען קומט שוין אָן פאַרמאַטערט —
בלענדן טייכן דאָרט ווי שפּיגל.
אין דער לופטן, העל צעפלאַטערט,
פליען קינדער דאָרט אויף פליגל.

פליען קינדער גיך אַריבער
מיט די פליגעלעך צענומען
און זיי פרעגן: ייִנגל ליבער
זאָג, פון וואַנען ביסטו געקומען?

האָבן זיי מיר באַלד געגעבן
פליגל גאָלדענע ווי פלאַמען
און איך האָב גענומען שוועבן
מיט די קינדערלעך צוזאַמען.

פליען אַלע גיך און יאָגן
אין דער לופטן, ווי ווייסע טויבן;
און די פליגל אונדז דערטראָגן
צו אַ באַרג אַ הויכן, אויבן.

שטייט אַ שלאָס מיט הויכע שפּיצן
אין די שאָטנס פון קאַשטאַנען.
ווי מיט זילבער-שטויב עס שפּריצן
אויף די בלומען די פאָנטאַנען.

ווייסע טויבן, בלאָע פּאַוועס,
אויף די טייכן שווימען שוואַנען.
און פון ווייטן, מיט היסלאָוועס,
זינגט אַ קוקו ווייט פון דאַנען.

הויכע וואָזן מיט איריסן
שטייען דאָ ביי אַלע שוועלן.
דאַפּאָדילן און נאַרציסן,
גאַנצע בונטן אימאָרטעלן.

וואַרפן מיר אַראָפּ די פליגל
שטייט אַ ווייסער טיש געגרייט.
קריגט דאָך יעדעס קינד אַ קריגל
קעז און פוטער, מילך און ברויט.

קומט צו גיין אַן אַלטע באָבע,
אין אַ לאַנגן, ברייטן קלייד.
זאָגט די באָבע: „באַרעכהאָבע,
קינדער עסט געזונטערהייט!“

מיט אַ בייזער, מיט אַ טיינע:
„אַזוי לאַנג געווען אין וועג,
אָך, איר ליבע קינדער מיינע,
כ'האָב געהאַט אַזויפיל שרעק.“

„זאָגט מיר דאָך איר, כעוורע ליבע,
וואָס עס איז געווען מיט אייך?
זאָגט מיר ליבע דאָך די סיבע.
אַלע קינדער, ענטפערט גלייך.“

שטעלט זיך אויף אַ יאַט, אַ בראַווער,
ווייזט דער באָבען מיט דער האַנט:
„— באָבע, זע, אַ נייער כאַווער,
איז ביי אונז אין קינדער-לאַנד.“

גיט די באָבע גלייך באַפעלן
און זאָגט אָן געהילפן באַלד:
שטעלט מוזיק ביי אַלע שוועלן,
אַלע טירן גלייך צעפּראַלט!

עפנט אויף פון שלאָס די זאַלן
אַלע טרעפּ מיט פליוש פאַרהילט.
זשיראַנדאָלן, זאָלן שטראַלן —
און מוזיק זאָל זיין געשפּילט!

ווערן אָפן אַלע טירן,
שליסט מען טירן אויף מיט האַסט,
און די קינדער אַלע פירן
מיך אין שלאָס, דעם ליבן גאַסט.

די פּאַרענטשעס, גאָלד-געמאָלן
און גירלאַנדן איבער קעפּ.
קינדער שפּילן אויף פּיאַלן
ביים אַרויפגאַנג אויף די טרעפּ,

ווענט פון מאַרמאָר און קרישטאָלן,
ליכט אויף שפּיגל בליצט און בלענדט.
בילדער, לעבעדיק געמאָלן,
שמייכלען ליבלעך פון די ווענט.

בלומען, וואַזעס, פריש ווי בליטן
שפּרייטן רייכעס זאַנפט און פריש.
און אין גרויסן זאַל, אינמיטן,
שטייט אַ רייך-געדעקטער טיש.

פרישע פרוכטן, צוקער-קאַנדלען,
פלעשער ווייַן און לימאָנאַד.
פרישע ראָזשינקעס און מאַנדלען,
לעקעך, טאָרט און שאָקאָלאַד.

קינדער זיצן פיין געקליידטע.
אַרום טיש אויף זייער אָרט.
אינדערמיט — אַן אַלטער זיידע
מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד.

לאַכט דער זיידע ליבלעך, גערן,
ווי עס פירט זיך דאָ אין לאַנד,
קושט אַ יעדן קינד אין שטערן,
גיט אַ יעדן קינד די האַנט.

פרעגט דער זיידע: „אוירעך ליבער,
זאָג, ווי קומסטו דאָ אַהער?
ווי ביסטו דעם וועג אַריבער
אונזער וועג איז זייער שווער.“

זאָג איך, אַז אַ קינד אַ ייִנגער,
וויל דאָך וואַקסן ווי אַ בוים.
און איך האָב געליטן הונגער
ביי מיין טאַטן אין דער היים.“

זיצט די מאַמע און דער טאַטע,
ליידן, הונגערן מעסלעסן.
קינדער אָבער, נישט קיין זאַטע,
וויינען, זיידע, ווילן עסן.

קומט אַמאָל אַ ווינט פאַרטאָגן,
ברומט צו מיר אין שפּאַלט פון וואַנט.
קום, מיין קינד, איך וועל דיך טראָגן
אין אַ וווייטן שיינעם לאַנד.

האָט דער ווינט מיך דאַן גענומען
איבער לענדער אומבאַקאַנט.
און אַזוי בין איך געקומען
דאָ אַהער, צו אייך אין לאַנד.

ווערט אַ פּאַטשעריי, אַ בראַוואָ,
הילכט פון קינדערשע געשרייען,
בראַוואָ! בראַוואָ! אונזער כאַווער! —
אַלע קינדער זיך דערפרייען.

רעדט דער זיידע פון זיין אָרט,
אַלע הערן שטיל זיך איין,
אויפן זיידנס ווייסער באָרד
פאַלט פון לאָמפּ אַ העלע שיין.

„זיי געגריסט דו אוירעך ייִנגער
און איר קינדער, ייִנגע לייט,
דאָרטן, וווּ מען ליידט נאָך הונגער,
קומט די פרייהייט און באַפרייט.“

„זיי געגריסט און נישט באַדויער,
וואָס דיין פוס איז דאָ געשטעלט.
זיי מיט אונז און וואַקס אַ בויער
פון אַ נייער, פרייער וועלט.“

ווערט אַ פּאַטשעריי, אַ בראַוואָ,
הילכט פון קינדערשע געשרייען
בראַוואָ זיידע, בראַוואָ, כאַווער, —
אַלע קינדער זיך דערפרייען.

אַרום טיש די קינדער זינגען
אַז עס הילכט דער גאַנצער זאַל.
קינדער עסן, קינדער טרינקען
און עס ציט זיך שפּעט דער באַל.

קינדער טאַנצן אין אַ ראָד,
ס'שפּילט מוזיק, עס פויקן טריט,
אין דעם קינדער-קאַראַהאָד,
טאַנצט דער זיידע אינדערמיט.

אין דעם לאַנד פון קינדער־פריידן,
זון און בלומען, גרין און שיין;
נישט דערציילן און נישט ריידן,
נאָר אַליין דאָרט דאַרף מען זיין.

— ווייסט איר, ווו דאָס לאַנד געפינט זיך?
ווו דער פרילינג שטענדיק גרינט. —
אָט דאָס לאַנד, עס בליט און גרינט זיך
אין געדאַנק פון יעדן קינד.

אָט אַזוי אין שטוב, אַצינדער,
נאָר מיט פּראָסטע קינדער־רייד.
האָט אַ קינד אַזוי פאַר קינדער
אויסגעמאָלט דאָס לאַנד פון פרייד.

# אינהאַלט:


1. דער לאַמפּן־צינדער — 5
2. דער קוימען-קערער — 6
3. בול, בול, בול — 7
4. אַ שפּיל אַזאַ — 8
5. שוועסטערלעך — 9
6. באָבע ביילע — 10
7. דעם זיידנס ניגן — 11
8. מייזעלעך — 13
9. די מויז און דער פּוטער-קוכן — 14
10. איציק שפּיציק — 16
11. ציגן אויף פּאַריזער גאַסן — 17
12. ערשטער מאַי — 18
13. פייגעלעך — 19
14. אַ פייגלשע כאַסענע — 20
15. ווינט און רעגן — 22
16. אַ יויוול אין וואַלד — 23
17. אַ ווערבע און אַ שטראַל — 25
18. אין אַ שטאַל — 26
19. העזעלעך — 27
20. דער פעלז ביים ברעג — 28
21. אויף צעבראָכענע כוואַליעס — 30
22. פישער — 33
23. דאָס קעצל — 36
24. הינטיש לעבן — 38
25. דאָס פערדל האָט געבענקט — 40
26. די בין און דער שמעטערלינג — 43
27. פּייזאַזש — 44

28. דער דיכטער — 45

29. ציגיינער אין שטעטל — 48

30. אַ זומער־טאָג — 51

31. דער קאָמונאַר — 54

32. גרינע טאָלן — 57

33. אויפן טייך — 59

34. פליער — 61

35. אַ ווינטער־מייסעלע — 65

36. דאָס לאַנד פון פרייד — 69